UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
A Sheferisher Mekhanekh / A Creative Upbringing

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/3mc7v0vd

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 91(1)

Author
Saul Goodman, Shaul Gutman /

Publication Date
1978

Copyright Information
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# צו אברהם גאָלאָמב

עס איז גוט צו קענען באַגריסן ר׳ אברהם גאָלאָמב צו דער געלעגנהייט פון זיין ווערן אַ בן־תשעים. גאָלאָמב גע־הערט צו דער קליינער צאָל דענקערס און דערציערס ביי יידן וועלכע שאַצן איבער אונדזערע וועלט־באַנעמען און אידעאָלאָ־גיעס אין ליכט — ריכטיקער: פּנים אל פּנים מיט דער פינצטערניש פון דער קאַ־טאַסטראָפע וואָס עס האָט אונדז געטראָפן אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. ער איז אַן אַליין־גייער און טראַכטער, וועמען מען קען נישט אַריינשטעלן אין די געוויינלע־כע אידעישע רובריקעס: ער איז אַ יידי־שיסטישער נאָן־קאָנפאָרמיסט, אַ וועלט־לעכער ייד מיט אַן אייגענעם קוק אויף אונדזער געשיכטלעכן גאַנג, און אַן איי־גענעם שטעג אין דער יידישער מחשבה.

און הגם איך קען נישט מיטגיין מיט אים דעם גאַנצן וועג, און איך קען נישט מסכים זיין, אַז באָר דער נוסח־אַשכנז האָט פּראָדוצירט גאַנצע, אויטענטישע יידן, ווייל אויך נוסח־ספרד האָט אונדז געגעבן אַ גאָלדענע תקופה, און האָפנטלעך וועט אויך דער נוסח־אַמעריקע אויסשמידן רינגען אין דער גאָלדענער קייט — נישט געקוקט אויף די דאָזיקע רעזערוואַציעס, באַוואונדער איך און סאָלידאַריזיר זיך מיט זיין מוטיקן, עקשנותדיקן קאַמף איינצו־האַלטן אַ וואָגיקן עקסטראַקט פון דער מזרח־אייראָפּעישער יידישער קולטור אין אַמעריקאַנער יידישן לעבן.

אַוודאי שאַץ איך שטאַרק אָפּ גאָלאָמבס קאָלאָסאַלן אויפטו ווי אַ שעפערישער מחנך, וועלכער האָט דערצויגן עטלעכע דורות יידישע לערערס און תלמידים, וועמען ער האָט טיף פאַרוואָרצלט אין גייס־טיקן יידישן באָדן. אָן ספק אַז גאָלאָמב וועט אויף אייביק פאַרנעמען אַ חשובע פּאָזיציע אין דער געשיכטע פון יידישער דערציונג און דער יידישער קולטור.

זאָל ער נאָך אַ סך יאָרן גיין אויף זיין אָנגעצייכנטן וועג!

שואל גוטמאַן / ניו־יאָרק

# פון ייוו״א

פּר׳ אברהם גאָלאָמב
לאָס־אַנדזשעלעס, קאַליפ.

חשובער און טייערער פריינד גאָלאָמב:

צו אייער 90סטן געבוירן־טאָג ווינטשן מיר אייך געזונט און אַ סך יאָרן פון שעפערישער אַרבעט אויף אַלע פעלדער פון אייערע אינטערעסן.

איר זייט געשטאַנען ביים וויגעלע פון דער מאָדערנער יידישער קולטור, איר האָט פאַרשפּרייט די זוימען פון יידישן קולטור־אויפבלי אין ווייטע לענדער און זיי פאַרפלאַנצט אין האַרטן באָדן פון פרעמדע סביבות און קולטורן. איר האָט צוגעזען און באַוויינט דעם דריטן חורבן, אָבער ניט אויפגעגעבן אייער אַרבעט און האָפענונג. דער נביא זאָגט: „דער גערעכ־טער לעבט מיט זיין אמונה“. אייער אמונה איז אַ כּוח וואָס אינספּירירט און שטאַרקט אונדז אַלעמען. דער ייוואָ, וואָס אַרבעט פאַרן אויפהאַלט פון יידישן גייסטיקן קיום און פאַר דעם קולטור־המשך, באַגריסט אייך ווי אַ נאָענטן פריינד און דעם פאַר־טרעטער פון אַ גרויסן דור. זאָל אייער גבורה זיין אַ קוואַל פון שטאַרקונג און אינספּיראַציע פאַר אונדז אַלעמען.

מיט האַרציקע גרוסן,

משה לויב, פּאַרזיצער,

**יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט — ייוואָ, ניו־יאָרק**

---

**אַמאַליע און ישראל שטערן**
מאָנטרעאַל

ווינטשן

**אברהם און רבקה גאָלאָמב**

לאַנגע, געזונטע, און שעפערישע יאָרן.